nystateofhealth™
The Official Health Plan Marketplace



## אינפארמאציע בלאט פאר שותפים און פּראָווײדערס:

# באַרעכטיגונג פאר DACA מענטשן

אלס רעזולטאט פון נייע פאליסיס אין ניו יארק און א טויש אין פעדעראלע רעגולאציעס, קענען מענטשן וואס זענען ערלויבט צו בלייבן אין די פאראייניגטע שטאטן נאכן אנקומען אן פאפירן אלס קינדער (Deferred Action for Childhood Arrival, DACA) יעצט זיין בארעכטיגט פאר ביליגערע דעקונג דורך די Essential Plan (אנגעהויבן פון אויגוסט 1, 2024) און Qualified Health Plans (אנגעהויבן פון נאוועמבער 1, 2024).

פּראָווײדערס און קאמיוניטי ארגאניזאציעס זענען וויכטיגע שותפים ביים העלפן DACA מענטשן טרעפן אפארדעבל ארומנעמיגע דעקונג דורך די מארקעטפלאץ, אריינרעכענענדיג דורכן באקומען טעקס קרעדיטס וואס מאכט די Qualified Health Plan דעקונג זיין מער אפארדעבל.

## וויאזוי איר קענט העלפן

- לאזט וויסן פאר אייערע איינגעשטעלטע איבער די טויש — באזונדערס פאר די וועלכע קומען אין בארירונג מיט די פובליקום ווי די וואס ארבעטן אין די אויפנאמע אפיס אדער וואס ארבעטן מיט די קאמיוניטי.
- נעמט אונטער שריט צו ארבעטן מיט אימיגראנט באפעלקערונגען און/אדער באפעלקערונגען וואס רעדן בעסער שפראכן חוץ פון ענגליש.
- באנוצט זיך מיט די NY State of Health's [Essential Plan](https://nystateofhealth.ny.gov) [אויסבייטערונג קאמוניקאציע כלים](https://nystateofhealth.ny.gov) און אנדערע מאטעריאלן וואס זענען פארעפנטליכט אויף די [NY State of Health וועבזייטל](https://nystateofhealth.ny.gov).
    - צום ביישפיל, דרוקט ארויס אינפארמאציע בלעטער און שטעלט זיי ארויס אין אייער אפיס אדער שיקט אן אימעיל מעסעדזש צו לאזן וויסן פאר קאנטאקטן און קאמיוניטי שותפים פאר וועם עס קען זיין נוגע איבער די טויש.
- פארזיכערט די באפעלקערונג אז אינפארמאציע וואס ווערט מיטגעטיילט מיט NY State of Health און מיט אירע איינגעשטעלטע וואס העלפן מיטן זיך איינשרייבן ווערן געהאלטן פריוואט. אינפארמאציע וואס מענטשן טיילן מיט אין באציאונג צו זייער אימיגראציע סטאטוס ווערט נאר גענוצט ווערן צו באשטימען אויב זיי זענען בארעכטיגט פאר העלט אינשורענס. עס וועט נישט גענוצט ווערן פאר קיין שום אנדערע צוועק.

## וויאזוי אייערע פאציענטן קענען זיך איינשרייבן אין העלט אינשורענס דורך די מארקעטפלאץ

עפנט א NY State of Health אקאונט און אפלייט אנליין אויף: [nystateofhealth.ny.gov](https://nystateofhealth.ny.gov)

רופט NY State of Health אויף:
1-855-355-5777
פאר TTY רופט:
1-800-662-1220

באקומט אומזיסטע הילף פון א טרעינירטער איינגעשטעלטער וואס העלפט זיך איינשרייבן.

NY State of Health פאלגט אויס אלע באטרעפנדע פעדעראלע ציווילע רעכטן געזעצן און סטעיט געזעצן, און דיסקרימינירט נישט לויט די ראסע, הויט קאליר, נאציאנאלע אפשטאם, גלויבונג/רעליגיע, מאן/פרוי, עלטער, זיין חתונה געהאט/פאמיליע סטאטוס, ארעסט היסטאריע, קרימינאלע באשולדיגונג(ען), דזשענדער אידענטיטעט, סעקסועלע אריענטאציע, גענעטישע אייגנשאפטן וואס פארגרעסערן אויסזיכטן פון פראבלעמען, מיליטער סטאטוס, סטאטוס אלס קורבן פון אביוּז אין די משפחה און/אדער אויס נקמה.

Si usted habla un idioma diferente al inglés, los servicios de asistencia de idioma están disponibles gratis para usted. Llame al 1-855-355-5777 (TTY: 1-800-662-1220).

如果您使用的語言不是英語，您可以使用我們的免費語言支援服務。請致電 1-855-355-5777 (TTY: 1-800-662-1220)。